# מודעה פון בית דין צדק
# דקהל האָלמין

# דעת תורה!
# הבדלו!

פאר די פילע אנפרעגער וואס ווילען וויסען דעם דין וויאזוי איז ווען איינער עסט יארען לאנג כשר פלייש נאכדעם ווערט ער געוואר אז עס איז געווען ספק אדער ודאי נבילות וטריפות חלב ודם. אבער ער האט דאס געגעסען פארלאזענדיג זיך אויפן הכשר פון רב המכשיר, דארף מען האבען א כפרה אדער נישט?

**די צווייטע פראגע צו אזא עסען איז מטמטם (פארשטאפט) דאס אידישע הארץ און געוויסען און פאראורזאכט שלעכטע מדות מיט עזות און חוצפה אדער נישט?**

1. ווענען די ערשטע שאלה אויב מען דארף תשובה טוהן און בעטען פון הימעל א כפרה?

**ענטפער:**

די אלע גרויסע פוסקים נעמען אן אז דאס הייסט א שוגג נישט קיין אונס און במילא דארף מען געהעריג א כפרה (ט"ז יו"ד סי' צ"ט סק"ט, פר"ח שם ס"ק י"ב, פני יהושע שבת סח: בד"ה אבל, נודע ביהודה ח"א, או"ח ר"ס ל"ה וח"ב אבן העזר סימן ח"י ד"ה ומעתה, שו"ת חת"ס יו"ד סי' פ"ח ערוך השלחן או"ח שי"ח ג, בית מאיר מובא בפתחי תשובה אבן העזר סי' קע"ח, ופרי מגדים יו"ד סי' צ"ט שפתי דעת אות י"ב, חוות דעת סי' צ"ט ס"ק ו', שואל ומשיב מהדורא ב' ח"א סי' צ"ג) ווער רעדט נאך דארט וואו עס איז געווען א גערודער און התעוררות אויף די גאס אז עס טויג נישט און דאך האט מען ווייטער געגעסען דארף מען נאך א גרעסערע כפרה, (ספרי הפוסקים ואכמ"ל).

2. **פארשטאפט דאס דעם אידישען הארץ און גייסט אויב מען האט געגעסען אומוויסענדיג?**

**ענטפער:**

דער או"ח הק' שרייבט (סוף פ' שמיני): דער וואס עסט מאכלות אסורות אפילו אהנע וויסען ווערט זיין גוף פאר־אומווערדיגט ווי א שרץ, און אזוי שרייבט אויך דער הייליגער רמ"ע מפאנו זצ"ל אז אפי' אויב מען עסט באונס (געצוואונגען) איז דאס פוגם דעם הייליגן אידישען נפש. און אזוי שרייבט אויך דער של"ה הק' (מס' יומא הל' תשובה ד"ה וכתב).

יום ב' כ"ו מנ"א שנת תשמ"ח לפ"ק

**ביד"צ דקהל האלמין**